NEW

# לקוטי שיחות

BEHA'ALOSCHA בהעלותך

VOLUME 2, P. 314-320

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was the first of his family born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# BEHA'ALOSCHA I | בהעלותך א

Adapted from a *sichah* delivered on *Yud* Shvat, 5716 (1956)

## Introduction

Diversity is a hallmark of the Jewish community. Our Sages[1] taught that just as people's faces are different, so are their characters and approaches. Embracing this rich tapestry gives our people strength and continuity.

This is not an accidental phenomenon. The Kabbalists teach of seven different spiritual pathways that reflect seven Divine emotive attributes that define our reality. These seven attributes intertwine and subdivide, producing the vast multiplicity seen among people.

Nevertheless, difference need not lead to division. As the Prophet Zechariah's vision of a golden *menorah* demonstrates, variation can lead to a profound definition of unity. Just as the *menorah* had seven distinct lamps that together created one unified light, the Jewish people consist of seven spiritual types that share a common mission. Each lamp burns according to its own nature, yet all serve the same ultimate purpose – to illuminate the world.

The challenge – and the beauty – lies in understanding how these different approaches work in harmony, and why the method we choose to share light with others matters as much as the goal itself.

---

1. *Talmud Yerushalmi, Berachos* 9:1.

# Every Jew a Lamp

## Seven Lamps: One Message of Light

1. The *Haftarah* of *Parshas Beha'aloscha* states,[1] "I saw, and behold, a *menorah* all of gold." This refers to the Jewish people; collectively, all Jews constitute "a *menorah* all of gold."

א. אין דער הפטרה פון פרשת בהעלותך שטייט, ראיתי והנה מנורת זהב כלה[א], וואָס דאָס גייט אויף כנסת ישראל. אַלע אידן צוזאַמען זיינען אַ מנורת זהב כלה.

In Zechariah's vision, the *menorah* had seven lamps. Similarly, as explained in detail in *Chassidus,* there are different spiritual paths among the Jewish people: There are those whose path follows the vector of *chesed* ("kindness"), while the path of others follows the vector of *gevurah* ("might"), etc., This pattern continues, including seven distinct paths. These correspond to the seven lamps of the *menorah.*[2]

אין דער מנורה זיינען געווען זיבן נרות. אַזוי זיינען אויך ביי אידן פאַראַן פאַרשידענע דרכים, ווי עס ווערט אויספירלעך דערקלערט אין חסידות: עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זייער דרך איז בקו החסד, עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זייער דרך איז בקו הגבורה וכו׳ ביז מען רעכנט אויס זיבן דרכים, וואָס דאָס זיינען די זיבן נרות[ב].

Their common denominator is that they are all lamps; they all illuminate the *Beis HaMikdash.* Moreover, the intent goes beyond merely illuminating the *Beis HaMikdash,* because from the *Beis HaMikdash* light would spread to the entire world. For this reason, the *Beis HaMikdash* had windows that were narrow on the inside and wide on the outside.[3]

הצד השוה שבהם – אַז זיי זיינען אַלע נרות. אַלע מאַכן ליכטיק אין בית המקדש, און מען באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס מען מאַכט ליכטיק אין בית המקדש, נאָר פון בית המקדש גייט די ליכטיקייט איי בער דער גאַנצער וועלט. דערפאַר זיינען אין בית המקדש געווען חלונות שקופים אטומים[ג].

The design of these windows differed from that of all other houses. Typically, windows are made so that light should enter from the outside into the house. In the *Beis HaMikdash*, the opposite was true; light from the *Beis HaMikdash* spread outward to the entire world.

ניט ווי אין אַלע הייזער, וואו די פענסטער זיינען געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, אַז די ליכטיקייט זאָל אַריינגיין פון גאַס אין הויז, נאָר פאַרקערט, אַז פון בית המקדש איז געגאַנגען ליכטיקייט אויף דער גאַנצע וועלט,

This was the purpose of the *Beis HaMikdash:* to illuminate the entire world.

וואָס דאָס איז די כוונה פון בית המקדש.

---

1. *Zechariah* 4:2.

2. See *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 29c.

3. *I Melachim* 6:4. See *Menachos* 86b, and *Rashi's* commentary, s.v., *shekufim,* there; *Vayikra Rabbah* 31:7; *Midrash Tanchuma, Parshas Tetzaveh,* sec. 6, and *Parshas Beha'aloscha,* sec. 2.

ווער האָט אויפגעטאָן די ליכטיקייט? - די נרות, וואָס דאָס זיינען נשמות ישראל.

כאָטש עס זיינען דאַ פאַרשידענע סוגים אין אידן, יעדער איד דאַרף דינען דעם אויבערשטן מיט זיינע כשרונות, אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני[ד], אים מיט די כשרונות וואָס ער פאַרמאָגט האט מען באַשאפן צוליב דינען דעם אויבערשטן מיט אָט־די כשרונות, אָבער הצד השוה שבהם, אַז זיי זיינען אַלע נרות, זיי מאַכן אַלע ליכטיק.

דער חילוק איז נאָר אין דעם צוגאנג צו דער עבודה. ביי די איז די עבודה בקו החסד, מתאים צו זייערע כשרונות וחושים, און ביי יענע איז די עבודה בקו הגבורה, אין עניני חומרות און אין אַ לבוש פון דינים, מתאים צו זייערע חושים. דאָס איז אָבער מער ניט אַז דער וועג איז ביי זיי בקו הגבורות, אָבער דער ציל פון דער אַרבעט איז דער זעלבער, – מאַכן ליכטיק.

**Who provided this light? The lamps – the Jewish souls.**

**True, there are different types among Jews and every Jew must serve G-d with his** particular **talents.** As implied by the Mishnah's[4] teaching, **"I was created only to serve my Creator,"** every person **was created with the** unique **talents he possesses** so that he can **serve G-d with those very talents. However,** all Jews share **a common denominator: they are all lamps – they all illuminate.**

**The difference** between them **lies only** in the nature of their approach. **The Divine service of some follows the path of *chesed* ("kindness"),** which is **suited to their talents and skills. The Divine service of others follows the path of *gevurah* ("might") and is** expressed through **stringencies and is clothed in** strict **judgment,[5] as** best **suits their abilities. These** differences, **however, merely pertain to the approach they follow** – whether kindness or **might. However, the goal of** their **Divine service is the same: to illuminate.**

## A Path of Light – the Means and the End

ב. הגם דער תכלית איז אומעטום דער זעלבער, פונדעסטוועגן איז אָבער אַ גרויסער חילוק צי דער דרך איז בקו הגבורות, אָדער דער דרך איז לכתחילה בקו החסדים, וואָס דעמאָלט דאַרף מען זיך ניט גריבלען און מען זעט באַלד דעם תכלית וואָס אין דעם, ווייל אויך בגילוי איז דאָס דער וועג פון ואהבת לרעך כמוך.

**2. Now, while, the ultimate purpose of every** Jew **is the same** – to illuminate the world – **nevertheless, there is a great difference regarding whether the path** one follows **is characterized by *gevurah* or whether,** even **initially,[6] the path is characterized by *chesed*.** With the latter approach, **one does not need to struggle** to see the positive intent. Instead, **the purpose of this path is immediately evident. Even in a revealed manner,** anyone can see that **this is the path** in accord with **"lov[ing] your fellow as yourself."[7]**

---

**4. *Kiddushin* 82b, using slightly different wording.**

5. The connection between *gevurah*, "might," and these modes of conduct is that *gevurah* is instrinsically related to self-control, as *Avos* 4:1 states, "Who is a mighty man (*gibor*)? One who conquers his natural inclination." As such, there is a tendency for stringency and judgment.

6. The Rebbe states "even initially" because ultimately even a path of *gevurah* is intended to spread G-dly light, i.e., the goal of *gevurah* is *chesed*. However, initially, that might not be evident. The advantage of *chesed* is that the positive motivation is evident from the outset.

7. *Vayikra* 19:18.

**This was the path of Aharon, the *Kohen HaGadol*, who lit the *menorah*. Aharon was *oheiv es habrios umkarvan laTorah,* "one who loves [all] created beings and brings them close to the Torah."[8] As the Alter Rebbe[9] explains,** the wording of the Mishnah is precise. Aharon showed love **even to *brios* ("created beings"), i.e.,** people **who possessed no positive qualities whatsoever, only deficiencies. Their sole virtue was that** they were *brios,* i.e., **that G-d created them. Aharon drew down love even to them.**

It is significant that this love was **not only his goal but also the means** he chose **to achieve that goal. In other words, even in a revealed manner,** his **path was loving** all **created beings and, through this, he brought them close to the Torah, making them Torah**-observant **Jews.**

**This was also the approach of the Rebbeim, the leaders** of the *Chabad* movement, **including my revered father-in-law, the Rebbe** Rayatz.[10] **Their work was to light the lamps** of Jewish souls.

**Within every Jew exists "the candle of G-d, the soul of man."[11] However, there are some who wait until** another person **lights this candle within them. This is the** mission and **task of Jewish leaders – to kindle "the candle of G-d, the soul of man" that exists within every Jew.** As mentioned, **there are seven different types** of Jewish souls, seven types of "candles" to be lit.

**The approach taken by the *Chabad* Rebbeim in general, and by my revered father-in-law, the Rebbe Rayatz, in particular, was that their love** was expressed **openly. Not only was their goal** to bring **light,** even **the path to** achieving **that goal** was conducted **in a luminous manner. By drawing** people **close through pleasant ways, they**

און דאָס איז געווען דער וועג פון אהרן כהן גדול וואָס האָט אָני געצונדן די מנורה. אהרן איז געווען אוהב את הבריות ומקרבן לתורה[ח]. אפילו בריות (באשעפענישן), ד. ה. אַזעלכע וואָס האָבן אין זיך ניט קיין שום מעלה, זיי האָבן בלויז חסרונות, זייער איינציקע מעלה איז וואָס דער אויבערשטער האָט זיי באַשאפן, כפירוש אדמו"ר הזקן נ"ע[ט], אויך אין זיי האָט אהרן ממשיך געווען אהבה.

און דאָס איז געווען ניט נאָר זיין ציל, נאָר אויך דער וועג צום ציל. דאָס הייסט, אַז אויך בגילוי - איז דער דרך געווען אוהב את הבריות און דורך דעם ומקרבן לתורה, מאַכן פון זיי תורה אידן.

און אַזוי איז אויך געווען דער וועג פון די רביים נשיאים, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל ההילולא ועד בכלל, וואָס זייער אַרבעט איז געווען אנצינדן די נרות.

ביי יעדן אידן איז פאַראַן דער נר הוי' נשמת אדם, נאָר עס זיינען דא אַזעלכע וואָס וואַרטן ביז מען וועט עס ביי זיי אָנצינדן. און דאס איז די אַרבעט פון די נשיאי ישראל, אָנצוצינדן דעם נר הוי' נשמת אדם - וואָס איז פאַראַן ביי יעדן אידן, און אין דעם זיינען פאַראַן זיבן סוגים.

דער אופן ווי עס איז געווען ביי די נשיאי חב"ד בכלל און ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל ההילולא בפרט, איז – אַז די אהבה איז געווען בגילוי; ניט נאָר די מטרה איז געווען אור, נאָר אויך דער וועג צו דער מטרה איז געווען אין אַן אופן פון אור. בדרכי קירוב ובדרכי נועם

---

**8.** ***Avos*** **1:12. See the commentaries on that Mishnah.**

**9.** ***Tanya*****, ch. 32.**

10. This *sichah* was delivered on *Yud* Shvat, the anniversary of the Rebbe Rayatz's passing and the Rebbe mentioned that fact here.

**11.** ***Mishlei*** **20:27.**

האָט ער אָנגעצונדן דעם נר הוי׳ נשמת אדם אין אַלע סוגים פון אידן.

(משיחת יו״ד שבט, תשט״ז)

**kindled "the candle of G-d, the soul of man" in all types of Jews.**

---

א) זכרי׳ ד, ב.

ב) זע לקוטי תורה במדבר כט, ג.

ג) מלכים א ו, ד. זע מנחות פו, ב און רש״י דאָרט ד״ה שקופים. ויקרא רבה פרשה לא, ז. תנחומא תצוה ופ׳ בהעלותך ב.

ד) קדושין פב, א (בשינוי לשון קצת.(

ה) אבות פרק א משנה יב, און מפרשים דאָרט.

ו) תניא פרק לב.

# BEHA'ALOSCHA II | בהעלותך ב

Adapted from a *sichah* delivered on Shavuos, 5717 (1957)

## Introduction

The Rebbe Rashab[1] once commented, "A chassid is a lamplighter."

This simple statement conveys a fundamental insight about inspiring others. When a street lamp is erected, all those seeking light naturally gather around it, for light attracts.[2] The way to draw another person close to Torah is to follow that paradigm.

In this *sichah*, the Rebbe describes the exemplar of this approach, Aharon *HaKohen.* As the Mishnah teaches,[3] "[He] loved peace and pursued peace, loved [all] created beings and brought them close to Torah."

That Mishnah not only describes Aharon's mission, it counsels, "Be among the students of Aharon," inviting us to make his mission our own. Particularly at present, it is necessary to follow his example. Now is not a time to stand by passively, waiting for others to seek our guidance. The call of the hour is to take the initiative and reach out to our fellow Jews, share the radiance of Torah with them, and invite them into its warmth.

---

1. *Sefer HaSichos 5701 [1941],* p. 136ff.

2. *Hayom Yom,* Entry 13 Teves; *Igros Kodesh* of the Rebbe Rayatz, letter no. 4703, Heb. Vol. 13, p. 210.

3. *Avos* 1:12.

# Lighting the Lamps – A Mission for Each of Us

## Taking the Initiative

**1.** We have been given the charge: *Yafutzu ma'ayanosecha chutzah,* **"Let your wellsprings spread outward."**[1] This charge implies that we should **not wait until those who are "on the peripheries" come to the wellsprings. Instead, we ourselves must go** even to the furthest peripheries **and spread the wellsprings there.**

**This approach began with Aharon** ***HaKohen*****, who was** ***oheiv shalom v'rodeif shalom, oheiv es habrios umkarvan laTorah,*** "[he] **loved peace and pursued peace, loved [all] created beings and brought them close to the Torah."**[2] **Aharon did not wait for people to come to him.** Instead, **he took the initiative and went** out **to them.**

**He went even to** those who are termed ***brios*** – meaning **those who possessed no other virtue except that they are "created beings," that is, G-d's creations. Aharon went out even to them and brought them close to Torah.**[3]

**However,** it is important to note **the precision of the wording** ***umkarvan laTorah,*** "[he] **brought them close to Torah." He did not bring the Torah closer to them. Although Aharon went out to** people on such a low level as ***brios,*** **he did not** adjust **the Torah to their** spiritual **standing. He made no compromises, nor** did he allow for **leniencies in the Torah. He did**

א. דער סדר אין הפצת המעינות חוצה איז ניט צו וואַרטן ביז עס וועלן קומען די וואָס זיינען אין כלל פון חוצה" צו די מעיינות, נאָר יפוצו מעינותיך חוצה, גיין אין דרויסן און דאָרט פאַרשפרייטן די קוואַלן.

און דער דאזיקער וועג האָט זיך אנגעהויבן פון אהרן הכהן, וואָס ער איז געווען אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה". אהרן האָט ניט געוואַרט אַז מ'זאל קומען צו אים, ער האָט זיך מקדים געווען און איז צו זיי אַליין געגאנגען.

און געגאנגען איז ער אויך צו די "בריות", ד. ה. אויך צו אַזעלכע וואָס האָבן ניט קיין שום אַנדער מעלה אויסער דעם וואָס זיי זיינען "בריות", ד. ה. דעם אויבערשטנס באשעפענישן, אויך צו זיי איז אהרן געגאַנגען און זיי מקרב געווען צו תורה[ג].

אָבער דער דיוק הלשון איז ומקרבן לתורה", ער האט זיי מקרב געווען צו תורה. ניט ער האָט מקרב געווען די תורה צו זיי. הגם אהרן איז געגאנגען צו די "בריות" האָט ער אָבער זיי ניט געגעבן די תורה לויט זייער גייסט: ער האָט ניט געמאכט קיין פשרות און היתרים אין דער

---

1. The renowned letter of the Baal Shem Tov printed at the conclusion of the text *Ben Poras Yosef,* and in other sources.

2. *Avos* 1:12.

3. See the commentaries on *Avos,* loc. cit.

**not bring Torah close to the spirit of the created beings. Instead, he brought the created beings close to the Torah – the Torah in its perfection.**

תורה; ער האָט ניט מקרב געווען די תורה צום רוח הבריות, נאָר די בריות האָט ער מקרב געווען צו דער תורה, תורה תמימה, ווי זי איז.

## A Self-Sustaining Flame

**2. The core element of Aharon's service is alluded to in the** first verse of **this week's Torah portion,[4] "When you kindle the lamps…." The lamps represent Jewish souls, as it is written,[5] "The candle of G-d is the soul of man." In general, as explained in *Likkutei Torah*,[6] there are seven types of Jewish souls, corresponding to the seven lamps of the *menorah*. Aharon's service was to kindle and elevate all these lamps.**

**There is Divine light within every Jew. However, it** may be **concealed. Aharon's task was to kindle this light and reveal it,** causing it to emerge **from concealment.**

More specifically, **Aharon's** service was to persevere in this mission, **to reveal the soul within every Jew "until the flame rises by itself,"[7]** i.e., until that inner spark ascends on its own. **As long as "the candle of G-d" within a created being** still **requires assistance so that its light be kindled by another, the ultimate goal has not yet been achieved. Aharon's service** – and also that of "the students of Aharon," who perpetuate his approach – must be **to kindle the lamp until the flame rises by itself, to enable** the Divine service of those Jews to be self-sustaining**.** At that point, **the lamp will no longer need to be lit** by others **because it burns and shines** brightly **on its own.**

ב. די נקודה פון אהרנ׳ס עבודה איז מרומז אין דער פרשת השבוע - בהעלותך את הנרות. נרות באַצייכענען נשמות ישראל, ווי עס שטייט "נר הוי׳ נשמת אדם"[ח]. אין אַלגעמיין זיינען פאַראַן זיבן סוגים אין נשמות ישראל, ווי ס׳איז מבואר אין לקוטי תורה[ט], וואָס דאָס איז דער ענין פון די זיבן נרות פון דער מנורה. און די עבודה פון אהרן איז געווען: אנצינדן און מעלה זיין די אַלע נרות. אין יעדן אידן איז פאַראַן די גיטלעכע ליכט, נאָר זי איז פאַרבאָרגן, און די עבודה פון אהרן איז, די דאזיקע ליכט אנצוצינדן און צו אַנטפלעקן פון דער פאַרבאָרגעניש.

און אויף אַזוי פיל האָט אהרן גע׳פועל׳ט מיטן מגלה זיין די נשמה אין יעדן אידן, "עד שתהא שלהבת עולה מאלי׳ ", ביז דער פלאַם איז אויפגעגאנגען פון זיך אליין. כל זמן דער "נר הוי׳" פון די בריות דאַרף אנקומען צו אהרן ער זאָל אים אני צינדן - האט מען נאָך צום תכלית ניט דערגרייכט. די עבודה דאַרף זיין: אנצינדן די ליכט ביז דער פלאַם גייט אויף פון זיך אליין; די ליכט דאַרף מען שוין מער ניט אנצינדן, ווייל זי ברענט און לייכט שוין פון זיך אליין.

4. *Bamidbar* 8:2.

5. ***Mishlei* 20:27.** The Hebrew word *ner* can be translated as both "lamp" and "candle."

6. ***Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 29c.**

7. ***Shabbos* 21b; *Rashi, Bamidbar,* p. 8:2.**

## Three Laws – Three Lessons

**3. There are three laws pertaining to kindling the *menorah* in the *Beis HaMikdash*[8]** which, when seen as a unit, provide us with a comprehensive lesson in our Divine service:

**a) The kindling** of the *menorah* **is acceptable even when performed by a non-*kohen*.**

**b) The preparation of the lamps must be done only by a *kohen*.**

**c) After being kindled, the location of the *menorah* must be specifically in the Sanctuary of the *Beis HaMikdash*.**

Similarly, **these same three conditions apply also when kindling the *menorah* in a spiritual sense, i.e., illuminating Jewish souls:**

**a) A non-*kohen* may kindle** the *menorah* – **the task of influencing another person and spreading the wellsprings outward is not** reserved **exclusively for unique individuals.** This mission is not restricted only for a spiritual elite but **is the privilege and obligation of every Jew. The** charge of the **Mishnah,[1] "Be among the students of Aharon," is directed to every Jew. Each individual Jew must follow the path of Aharon *hakohen* in bringing the created beings close to Torah.**

**b)** Although all Jews may kindle the *menorah,* **nevertheless, only a *kohen* may prepare its lamps. One might ask: Since the main goal is to influence another person, do the means and approach used to influence him matter?** For example, a person may **explain a Torah concept to another according to his own understanding, adapted to suit his level of comprehension.** Or he may **choose a path in *mitzvos* that suits both of them;** in other words, he may present the Torah and its *mitzvos* in a manner that he is comfortable transmitting and which he

ג. אין אנצינדן די מנורה אין בית המקדש זיינען פאַראַן דריי דינים׳: א) הדלקה כשרה בזר, אויך ניט קיין כהן איז כשר צו אנצינדן די מנורה, ב) הטבת הנרות, דאָס צוגרייטן די נרות מוז טאָן נאָר אַ כהן, ג) דער אָרט פון דער אָנגעצונדענער מנורה איז דווקא אין היכל פון בית המקדש. איז פאַרשטאנדיק אַז אויך אין אנצינדן די רוחניות׳דיקע מנורה, ד. ה. אין באַלייכטן די אידישע נשמות, זיינען פאַראַן די דאזיקע דריי תנאים.

א) הדלקה כשרה בזר. די עבודה פון פועלין אויף אַ צווייטן און פאַרשפּרייטן די מעינות חוצה, איז ניט קיין עבודה פאַר בלויז יחידי סגולה. דאָס איז דער זכות און חוב פון יעדן אידן, ווי די משנה זאָגט צו יעדן אידן[יא]: דו זאלסט זיין פון די תלמידים פון אהרן. יעדער איינציקער איד דאַרף גיין אין דעם וועג פון אהרן הכהן, צו מקרב זיין די בריות צו תורה.

ב) אָבער די "הטבה", צוגרייטן די נרות, דאָס קען טאָן נאָר אַ כהן.

מ׳קען דאָך מיינען: וויבאלד אַז דער עיקר איז צו פועלין אויף אַ צווייטן, איז וועמען אַרט עס דורך וואָס און מיט וועלכן ענין איך וועל אים באווירקן? איך וועל אים מסביר זיין אַן ענין אין תורה לויט מיין אייגענער הבנה וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין הבנה; איך וועל אויסקלייבן אַ דרך אין מצוות, וואָס איז צוגעפּאַסט צו מיר און צו אים, וכדומה, און

8. See *Yoma* 24b; *Rambam, Hilchos Bi'as HaMikdash* 9:5, 7.

thinks will be effective in **influencing the other person.**

The point of the second law is that this drive toward outreach must be regulated: **Preparing** the lamps – **putting in the oil and wick, the materials through which the lamp is kindled – can only be done by a *kohen*. Not everyone can or is suited to select and prepare the means with which to kindle the light within other Jews. Only a *kohen* can do this.**

Why a *kohen?* **A *kohen* has no personal portion or inheritance** in *Eretz Yisrael.* In other words, he has no permanent attachment to the land, to earthliness. **Instead, "G-d is his inheritance."[9] As *Rambam* writes,[10]** a *kohen* is characterized by the willingness to have **"his spirit generously motivate him… to set himself apart** and stand before G-d to serve Him," **to be separated from worldly matters and devote his entire being to clinging to G-d and serving Him. Specifically,** it is such a person **who can prepare the means to illuminate the soul's light.** After **the *kohen* prepares the oil and wick, the obligation falls upon each individual to kindle** the lamps – **to spread these wellsprings outward as well.**

**c)** The third law – that **after being kindled, the location of the *menorah* must specifically be in the Sanctuary** – points to the objective of our outreach efforts. Our Sages teach,[11] **"There are ten levels of sacred [places]," the Holy of Holies, the Sanctuary, etc. Even the levels that are lower than the Sanctuary are holy. Nevertheless, if** after **being kindled, the *menorah*** **was positioned in one of the places whose holiness is lesser than that of the Sanctuary, the obligation was not fulfilled. Every object had its** designated **place** where it was meant to fulfill its **purpose, and the**

דורך דעם וועל איך פועלין אויף דעם אַנדערן.

אויף דעם קומט די הוראה, אז די הטבה, ד. ה. דאָס אַריינטאָן דעם בוימל און דעם קנייטל, די זאַכן וואָס דורך זיי צינדט מען אָן דעם נר, דאָס קען זיין נאָר דורך אַ כהן. ניט יעדער איינער קען און איז צוגעפּאַסט צו אויסקלייבן און צוגרייטן די זאַכן מיט וואָס צו אנצינדן די ליכט פון אידן. בלויז אַ כהן קען דאָס טאָן.

דער ענין פון אַ כהן איז אַז ער האָט ניט קיין אייגענעם חלק ונחלה, נאָר ה' הוא נחלתו", און ווי דער רמב"ם שרייבט[יב]: אשר נדבה רוחו כו' להבדל", אַז דער וואָס איז אָפּגעשיידט פון וועלט־זאכן און זיין גאַנצער ענין איז צו זיין באַהעפט צום אויבערשטן אים צו דינען, דווקא ער קען צוגרייטן די זאַכן מיט וואָס צו באַלייכטן די ליכט פון דער נשמה. און נאכדעם ווי דער כהן גרייט צו דעם בוימל און דעם קנויט, דאַן ליגט אַ פליכט אויף יעדן איינציקן זיי אָנצוצינדן - צו פאַרשפּרייטן די דאזיקע קוואַלן אויך אין דרויסן.

ג) דער אָרט פון דער לייכטנדיי קער מנורה איז אין היכל דווקא. עשר קדושות הן"[יג], צען מדריגות אין קדושה זיינען פאַראַן (קדשי קדשים, היכל אא"וו), און אויך די מדריגות וואָס זיינען נידעריקער ווי היכל זיינען הייליק. פונדעסטוועגן אויב מ'וועט אנצינדן די מנורה אין איינעם פון די ערטער וואָס זיין קדושה איז נידעריקער ווי די קדושה פון היכל, וועט מען ניט יוצא זיין. יעדער זאַך האָט זיך דעם אָרט פון

9. *Devarim* 18:2.

10. ***Rambam, Hilchos Shemitah V'Yovel*** **13:12-13.**

11. ***Keilim*** **1:6.**

**purpose of the *menorah* was to shed light** specifically **in the Sanctuary.**

איר אויפגאבע און די אויפגאבע פון דער מנורה איז צו לייכטן אין היכל.

## No Half-Measures

**4. The** latter point provides us with a **lesson for our Divine service: A person should not say, "True, I must kindle the lamp within me and the lamp within another person, but who says I must do this** with **such a high standard of holiness? There are so many Jews from whom not so much is demanded – why is this demanded of me?"**

ד. די הוראה פון דעם אין עבודה איז: אַ מענטש זאל ניט זאָגן, אמת טאַקע, אַז איך דאַרף דערלייכטן דעם נר וואָס אין מיר און דעם נר וואָס אין דעם צווייטן, אָבער ווער זאָגט עס אַז איך דאַרף עס טאָן אין אַן אופן פון אַזאַ האַרבער קדושה? עס זיינען דאָך פראַן אַזויפיל אידן וואָס מ׳מאנט ביי זיי ניט אַזויפיל, איז פאַרוואָס מאָנט מען דאָס פון מיר?

**In response to this comes the instruction: Everyone has his role, his mission.** The fact that **you have been given the ability and possibility to generate light in a place that** possesses **a greater measure of holiness is proof that this is the mission that the Creator has assigned to you. If you don't fulfill it, you have not carried out your responsibility because you have not fulfilled the will of the Creator.**

אויף דעם קומט די אָנווייזונג: יעדער איינער האָט זיך זיין תפקיד, זיין אויפגאבע. וויבאלד מ׳האט דיר געגעבן די כוחות און די מעגלעכקייט צו לייכטן אין אַן אָרט וואָס איז מער הייליק, איז עס אַ באַוויַיז אַז דאָס איז דיין אויפגאבע וואָס דער בורא ב״ה וויל פון דיר. און אויב דו פילסט זי ניט אויס האסטו ניט געטאָן דיין פליכט, ווייל דו האסט ניט אויסגעפילט דעם רצון הבורא.

**As is known, will** operates as an indivisible whole; it **is not subject to division. This is the difference between** the concept of **intellect and** the concept of **will:**[12] **When it comes to intellect and understanding, it is possible to comprehend even a little – a portion of the** idea conveyed. However, **will is different. If one does not fulfill a desire with all its details, it is not appropriate to say that he has at least fulfilled half the desire; he has not fulfilled it at all.**[13] **On the contrary, he has done the opposite.**

ווי ס׳איז ידוע, אַז רצון קען מען ניט פאַנאַנדערטיילן. וואָס דאָס איז דער אונטערשייד פון שכל מיט רצון[ד]: אין שכל און פארשטאנד איז מעגלעך צו פאַרשטיין אויך אביסל, אַ חלק פון דער הבנה; אַני דערש איז אין רצון - אויב מען דערפילט ניט דעם רצון מיט אַלע זיינע פרטים, איז ניט שייך צו זאגן אַז ער האָט מקיים געווען על כל פנים אַ העלפט פונעם רצון. ער האָט דאַן דעם רצון אינגאנצן ניט מקיים געווען; אדרבא, ער האָט געטאָן דאָס פאַרקערטע פון רצון.

12. See *Likkutei Dibburim,* p. 1540.

13. To provide some background to the distinction between intellect and will mentioned in the main text: When someone desires to achieve a particular objective – for example, to master 100 pages of the Talmud – he will not be satisfied until that objective is fulfilled in its entirety. Mastering 90 pages will not sate that desire at all. On the surface, from the standpoint of wisdom, although mastering 90 pages is not quite the same as mastering 100, it is of value; the person will have gained much knowledge. Thus, from the standpoint of wisdom, 90 pages are indeed significant. Moreover, certain of those 100 pages contain more information than others. Nevertheless, from the standpoint of will, none of that matters. Unless the person has mastered the full 100 pages that he had set as his goal, he will not be sat-

**There are differences between people; each person has his own responsibility and one person's** responsibility **is not necessarily that of another. Similarly, there are distinctions between one generation and another. In previous generations, there were many G-d-fearing and spiritually wholesome individuals who did not study the inner dimension of Torah (*pnimiyus haTorah*).**[14] **Nevertheless, in recent generations, *pnimiyus haTorah* has been revealed. This very revelation is proof that studying *pnimiyus haTorah* is one of the missions of our generation,** that this is one of the tasks G-d desires from Jews today. **And since this is** G-d's will, **it cannot be otherwise. As mentioned, will is not subject to division.**

**To derive a lesson from the kindling of the *menorah:*** Ours is a mission of light. Accordingly, we **must be occupied with *pnimiyus haTorah*.**

**As discussed** in *Chassidus*[15] and Kabbalah,[16] a **flame** contains two elements: **a *n'hora uchma*, a dark flame,** the portion of its light that **is** close to the wick, **and a *n'hora chivra*, a bright flame.** The same applies to Torah, which is compared to fire. To cause the souls of the Jews to be luminous, both elements of the Torah's light are essential. **The non-luminous portion of the flame – that is, the *galya d'Torah,* the revealed, primarily legalistic, dimension of Torah, where** its G-dliness is not so readily apparent **– is not sufficient** alone. **The bright flame, *pnimiyus haTorah,* is also necessary.** Indeed, **the study of *pnimiyus haTorah* will give** a person **the strength and power to overcome all obstacles. It will also generate vitality in the study of**

אַזוי ווי ס'איז פאַראַן אַן אונטערשייד פון מענטש צו מענטש, וואָס יעדערער האָט זיך זיין פליכט, און ס'איז ניט קיין הוראה פון איינעם אויף אַ צווייטן; אַזוי איז דאָ אַ חילוק פון איין דור צו אַ צווייטן: כאָטש אין די דורות הראשונים זיינען געווען אַ סך יראים ושלמים וואָס האָבן ניט געלערנט קיין פנימיות התורה, איז אָבער אין די לעצטע דורות, ווען פנימיות התורה איז נתי גלה געוואָרן, איז די דאזיקע אַנטי פלעקונג גופא אַ באַווייז אַז דאָס לערנען פנימיות התורה איז איינע פון די אויפגאבן פון אונזער דור, און וויבאלד אַזוי - טאָר אַנדערש ניט זיין, ווייל ווי געזאגט, קען אין רצון ניט זיין קיין התחלקות.

די הדלקת המנורה לערנט אונז אין סך הכל: עס דאַרף זיין אַ התעסקות אין פנימיות התורה, און ווי ס'רעדט זיך אין דעם ענין פון שלהבת[יד*], אַז ס'איז ניט גענוג נהורא אוכמא, ד"ה גליא דתורה, נאָר ס'מוז אויך זיין נהורא חיוורא, פנימיות התורה. און דאָס לערנען פנימיות התורה וועט אים געבן כוח ועוז, צו באַוועלטיקן אַלע שטערונגען, און ס'וועט אים צוגעבן לעבעדיקייט אויך

---

isfied at all because he will not have accomplished his objective. In other words, the details of what the person desires and the distinctions of the particular aspects of the object of his desire are not significant. What is significant is the object or goal of the desire as a whole.

Taking that concept a little bit further: If a person specifies certain details regarding the manner in which he desires that a certain action be performed, even if the action is performed but not according to those details, it cannot be said that his will was done. Indeed, the act goes against his will; it was not what he desired.

This point is also reflected in a *halachah* regarding marriage: If a man tells an agent, "Consecrate so-and-so to me in this-and-this place, and the agent consecrates her elsewhere, the consecration is not effective (*Rambam, Hilchos Ishus* 7:21).

14. The mystical dimension of the Torah as revealed in the teachings of Kabbalah and *Chassidus.*

15. *Torah Or,* p. 33b ff; *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 36b, *et al.*

16. *Zohar,* Vol. I, p. 51a-b, *et al.*

**the revealed dimension of the Torah and in the fulfillment of** its ***mitzvos*****.**

אין לערנען נגלה פון תורה און אין קיום המצוות.

* * *

## So that the Flame Burns with Holiness

5. There is a lesson from the placement of the *menorah* in the Sanctuary that specifically relates to women: **One of the fundamental elements in the conduct of Jewish women that influences their sons and daughters is the concept of *tznius* (modesty),** as epitomized by the verse,[17] **"All the glory of the king's daughter is within."** In that vein, **the Gemara**[18] highlights **the extraordinary *tznius*** of Kimchis **(a mother of *Kohanim Gedolim* during the era of the** Second ***Beis HaMikdash*****), stating that the walls of her house never saw her hair.** Because of this, **she merited bearing seven sons** who served as ***Kohanim Gedolim*****.**

**One should not think: "**Do I really **need to conduct myself with such a great measure of *tznius* so that my children will be** on par with ***Kohanim Gedolim*****? What difference does it make to me if my children will be** on par with **ordinary *kohanim*? All Jews are holy!"**

**The kindling of the *menorah*** rebuts this argument, **teaching us that the *menorah* must shed light specifically in the Sanctuary. As discussed earlier,**[19] **if there is a possibility to spread light in a place that is holier** – or regarding **the matter at hand, if a woman has the possibility to raise her children so they will be** on the level of ***Kohanim Gedolim*** **– this itself is proof that this is her mission. If she does not carry out this mission, she has not done her part at all; she has not fulfilled G-d's will.**

ה. איינס פון די עיקר'דיקע ענינים אין דער אויפפירונג פון אידישע פרויען, וואָס באווירקט זייערע זין און טעכטער, איז דער ענין פון צניעות: ״כל כבודה בת מלך פנימה״[טו]. ווי ס'ווערט געבראַכט אין גמרא[טז] וועגן דער אויסערגעוויינלעכער צניעות פון קמחית (אַ מוטער פון כהנים גדולים אין דער צייט פון בית המקדש), אַז די ווענט פון איר הויז האָבן קיינמאל ניט געזען די האָר פון איר קאָפּ, און צוליב דעם האט זי זוכה געווען צו האָבן זיבן זין כהנים גדולים.

און זאל מען ניט טראַכטן: צי דען מוז איך זיך פירן מיט אַזאַ גרויסער מאָס צניעות בכדי מיינע קינדער זאָלן זיין כהנים גדולים - וואָס אַרט עס מיר אַז מיינע קינדער וועלן זיין סתם כהנים? ״כל ישראל קדושים הם״, אַלע אידן זיינען דאָך הייליק!

אויף דעם לערנט אונז די הדלקת המנורה, אַז די מנורה דאַרף לייכטן דווקא אין היכל, און ווי גערעדט פריער[יז], אַז אויב ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו לייכטן אין אַן אָרט וואָס איז מער הייליק - און בנוגע צו אונזער ענין: אויב אַ פרוי האָט אַ מעגלעכקייט צו דערציען אירע קינדער זיי זאָלן זיין כהנים גדולים, איז דאָס גופא אַ באַווייז אַז דאָס איז איר אויפגאבע, און אויב זי פירט ניט אויס איר דאָזיקן תפקיד - האָט זי אינגאנצן ניט געטאָן איר פליכט, זי האט ניט דערפילט דעם אויבערשטנס ווילן.

---

17. *Tehillim* 45:14.

18. *Yoma* 47a, using slightly different wording.

19. Section 4.

## Channeling Aharon's Power

**6. The** above explanations **will** help us **understand the verse, "Speak to Aharon... when you kindle the lamps..."** – i.e., **Aharon should kindle the lamps of the *menorah*. At first glance, this is not clear: A non-*kohen* may also kindle the lamps, and even an ordinary *kohen*, not necessarily a *Kohen Gadol*, may prepare the lamps. Why, then, was Aharon commanded** to perform these tasks? **From this, it is understood that** this mission **was to be performed specifically by Aharon, the *Kohen Gadol*.**

**However, as mentioned earlier, the point is that it is the obligation of each individual to influence another person – to kindle the Divine light, the soul within him.** Why then is Aharon singled out? Because **the manner by which the other person is influenced,** how his soul **kindled, must involve the holiness of a *Kohen Gadol*. We may not satisfy ourselves by affecting him through a lower level of holiness. Instead, we must do it specifically with the holiness of a *Kohen Gadol*.**

What does the holiness of the *Kohen Gadol* involve? **The *Kohen Gadol* was unique in that once a year he entered into the Holy of Holies. In that special place, there was nothing except the Ark** which contained **the Tablets** of the Ten Commandments. That **distinguished a *Kohen Gadol;* he had nothing else besides the Torah.**

**More specifically: On the Tablets in the Holy of Holies, the letters of the Torah were engraved. In contrast to letters written** in a Torah **scroll,** which **are an addition to the parchment, the engraved letters were carved out of the Tablets themselves;** they were **part of their very essence. This** defined **the *Kohen Gadol's*** relationship with the **Torah;** it **permeated his entire being,** who he was.

ו. דערמיט וועט מען פאַרשטיין וואָס עס שטייט: דבר אל אהרן גו׳ בהעלותך את הנרות", אהרן זאָל אָני צינדן די נרות פון דער מנורה. אין פלוג איז ניט פארשטאנדיק: אני צינדן די נרות מעג דאָך אויך אַ זר, אַ ניט־כהן; אַפילו הטבת הנרות מעג זיין דורך אַ כהן הדיוט, ניט קיין כהן גדול, איז פארוואָס האָט מען געהייסן אַז אהרן זאָל דאָס טאָן? פון דעם איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז אהרן, דער כהן גדול דווקא, דאַרף עס טאָן.

נאָר דער ענין איז, ווי גערעדט פריער, אַז ס׳איז דער חוב פון יעדן איינציקן צו פועלן אויף אַ צווייטן, אָנצוצינדן די ג־טלעכע ליכט, די נשי מה וואָס אין אים. מען האָט אויך גערעדט, אַז דער אופן ההדלקה, דאָס באווירקן אַ צווייטן, דאַרף זיין דווקא מיט דער קדושה פון אַ כהן גדול. ניט צו באַנוגענען זיך מיטן פועלין אויף אַ צווייטן מיט אַ נידעריקער מדריגה פון קדושה, נאָר מ׳דארף עס טאָן דווקא מיט דער קדושה פון אַ כהן גדול.

דער ענין פון אַ כהן גדול איז, וואָס איינמאל אַ יאָר איז ער אַריין "לפני ולפנים", אין דעם אָרט פון קודש הקדשים. אין קודש הקדשים איז קיין זאך ניט געווען אויסער דעם ארון מיט די לוחות; די בחינה פון אַ כהן גדול איז, אַז ער האָט ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר דעם ענין פון תורה.

נאָך מערער: אין קודש הקדשים זיינען געווען די לוחות. אין די לוחות איז די תורה געווען אויסגעקריצט, אותיות החקיקה"[ח]. געשריבענע אותיות, אותיות הכתיבה, זיינען אַ צוגאָב־זאַך צום פּאַרמעט, אַנדערש זיינען אותיות החקיקה, זיי זיינען אויסגעקריצט אין די לוחות, מיני׳ ובי׳. און דאָס איז דער ענין פון כהן גדול – זיין גאַנצער מהות איז תורה.

און דאָס מיינט ״דבר אל אהרן גו׳ בהעלותך את הנרות״. דער זכות און חוב פון יעדן אידן איז צו אנצינדן און באַלייכטן דעם נר הוי׳ וואָס אין אים און אין אַ צווייטן מיט דעם כוח פון אהרן כהן גדול און לויט זיין אופן, ביז אַז זיין גאַנצער וועזן וועט זיין נאָר תורה. און דער דאזיקער חוב איז אויף יעדן אייני ציקן איד, ווי געזאגט פריער[יט], אַז הדלקה כשרה בזר.

און ספּעציעל זיינען אויף דעם אני געזאגט געוואָרן די אידישע פרויען, וואָס אין זיי הענגט אָפּ די דערציאונג פון זייערע זין און טעכטער. דאַרפן זיי וויסן, אַז זייער אויפפירונג דאַרף זיין אויף אַזאַ אופן און אויף אַזוי ווייט, ביז זיי זאָלן קענען אויסהאָדעווען זייערע קינדער זיי זאָלן זיין כהנים גדולים.

אויך זאָגן די רז״ל וועגן אַ כהן גדול[כ]: ״גדלהו״, מ׳דאַרף אים גרויס מאַכן. דורך דער אויבנגעזאגטער הנהגה, ווערן בטל אַלע מניעות ועיי כובים אינעם לעבן פון די זין און טעכטער - מ׳ווערט געבענטשט מיט בני חיי ומזוני רויחי כפשוטו ממש.

(משיחת חג השבועות, תשי״ז)

Every Jew has a spark of Aharon, the *Kohen Gadol,* within his soul.[20] **"Speak to Aharon... when you kindle the lamps..." means that the privilege and obligation of every Jew is to kindle and illuminate the candle of G-d within himself and within another person with the power of Aharon the *Kohen Gadol* and in a manner that reflects the approach** of the *Kohen Gadol* – **to the extent that his entire being becomes solely the Torah** – that it becomes his identity. **This obligation applies to each individual Jew** since, **as mentioned earlier,**[21] **even a non-*kohen* may kindle** the *menorah's* lamps.

This message **applies especially to Jewish women because the education of their sons and daughters depends on them. They must be conscious that their conduct** can be, and **must be, on such a level and to such an extent that they could raise their children to be** on par with ***Kohanim Gedolim*.**

**Our Sages**[22] **instruct us to "make a *Kohen Gadol* great,"** to provide him with wealth and prominence. Parents who **conduct themselves in this manner will cause all the obstacles and impediments in the lives of their sons and daughters to be nullified; they will be blessed with children, life, and ample sustenance in the most literal sense.**

20. The Rebbe's *Igros Kodesh,* Vol. 22, Letter no. 8453, p. the footnote on 160.

21. See **sec. 3.**

22. ***Yoma* 18a.**

ז) זע הערה 5.
ח) משלי כ, כז.
ט) זע הערה 2.
י) זע יומא כד, ב. רמב״ם הלכות ביאת המקדש פרק ט הלכה ז, ה.
יא) זע הערה 5.
יב) סוף הלכות שמיטה ויובל.
יג) כלים פרק א משנה ו.
יד) זע לקוטי דיבורים עמוד 1540.
יד*) אין אַ פייער זיינען פאַראַן צוויי סאָרטן: נהורא אוכמא, אַ טונקעלער פייער, וואָס איז נאָענט צום קנויט, און נהורא חיוורא, אַ העלער פייער; און דאָס זעלבע איז אויך אין תורה וואָס איז געגליכן צו פייער.
טו) תהלים מה, יד.
טז) יומא מז, א (בשינוי לשון קצת).
יז) אות ד.
יח) לקוטי תורה ויקרא מה, א.
יט) אות ג.
כ) יומא יח, א.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie